# דער יורד *

אַ ווונדערלעכע געשיכטע, וואָס עס האָט געטראָפֿן מיט איינעם ר׳ צדוק פֿון ניקעלסבורג. עס איז זיך פֿון דער מעשׂה אַראָפּצונעמען אַ מוסר־השׂכל, אַז דער מענטש זאָל ניט טאָן קיין פֿאַלשס און אין דער גרעסטער נויט זאָל מען זיך היטן פֿון בעטלברויט. און אויף אייביק איז יענער פֿאַרפֿלוכט, דער וואָס האָט נאָר איין מאָל פֿאַרזוכט. ויקוים בנו: אַל תּבֿיאנו לא לידי מתּנת בשׂר ודם.

נעתּק ונאסף ע״י י. שפּירא**

[וואַרשע

אין י. לעבענזאָהנס טיפּאָגראַפֿיע, 1855].

1 וַיְהִי, און עס וואַר אין דער שטאָט ניקעלסבורג, האָט געוווינט אַ מאָל אַ געוואַנט־קרעמער. ער האָט געהייסן ר׳ צדוק פּיקאַנטע. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־פּרנסה און ער וואַר אין דער שטאָט גערעכנט פֿאַר אַ גרויסן קצין.

2 וַיַּעַשׂ לו שם. אויך האָט ער זיך געמאַכט אַ גרויסן נאָמען אין דער שטאָט מיט זײַנע נדבֿות און צדקות. עס איז אים אין דער שול קיין מאָל איין עליה פֿאַר אים צו טײַער געווען. ער איז נאָך דערצו געווען אַ גרויסער מהדר במצוות. ער האָט אַ מאָל באַצאָלט פֿאַר אַן אתרוג הונדערט טאָלער. פֿאַר זײַנע קינדער האָט ער אַלע מאָל געדונגען די בעסטע מלמדים. און האָט אויך מחזיק געווען אויף זײַן טיש אָרעמע לומדים. און ווי ער איז געווען, אַזוי איז אויך געווען זײַן ווײַב, זייער אַ טײַערעס מענטש און אַ גרויסע אשת־חיל און דערצו אויך זייער שיין. זי איז געווען אויך פֿיל קליגער פֿאַר אים און האָט פֿאַרשטאַנען דעם געשעפֿט פֿיל בעסער אַלס ער.

3 **אך לא לעולם חוסן.** אָבער דער גליק בלײַבט ניט אויף אייביק טרײַ דעם מענטשן. אין דער וועלט מוז זיך אַלץ אומדרייען. אַזוי איז דאָ אויך געווען מיט דעם ר׳ צדוק פּיקאַנטע. דען איין מאָל צום ערשטן סדר איז געוואָרן זייער אַ גרויסע שׂרפֿה. און עס זענען פֿאַרברענט געוואָרן זייער פֿיל הײַזער. און אויך די

* דאָס קליינע מעשׂה־ביכל (ס״ה 24 זײַטלעך) ווערט דאָ איבערגעדרוקט געטרײַ, אָבער אין דעם מאָדערנעם אויסלייג. איבעריקע ווערטער ווערן באַצייכנט צווישן קײַלעכדיקע קלאַמערן. הוספֿות ווערן געגעבן אין גראַדעקיקע קלאַמערן.

** י. שפּירא איז איינער פֿון אײַזיק־מאיר דיקס היפּש ביסל פּסעוודאָנימען.

קראָם מיט די סחורה פֿון דעם ר׳ צדוק. און אויך זײַן שטוב מיט גאָר די ווירטשאַפֿט, זילבערנע געפֿעס, און זייער פֿיל צירונג און אויך זייער פֿיל פּאַפּירן אויף הערשאַפֿטן. זײַן שאָדן וואַר גרויס, גאָר אומבאַשרײַבלעך.

4 **ויהי להם ימי החג לאבֿל.** דער יום־טובֿ וואָר בײַ זיי צום טרויער און צום געוויין. ער און זײַן פֿרוי האָבן גאָר ניט געוווּסט וווּהין מען זאָל זיך קערן און ווענדן. גוטע פֿרײַנד האָבן זיי אַפֿילו אַ ביסל אונטערגעהאָלפֿן, אָבער עס איז שוין זיי ניט מעגלעך געווען דעם געשעפֿט ווידער הערצושטעלן אַזוי ווי פֿריִער.

5 **לא ארכו הימים.** עס געווערט ניט לאַנג און זיי האָבן נעבעך דעם פּלאַץ געמוזט פֿאַרקויפֿן אום צו מאַכן אַ קליין קרעמל פֿון גלאָזגעווער סחורה. (ויחיו חיי צער) – און האָבן געלעבט זייער אָרעם. די גרעסטע לײַט פֿון שטאָט האָבן מיט דעם ר׳ צדוק זייער רחמנות געהאַט. אָבער דאָך האָבן זיי ניט געוווּסט מיט וואָס מען זאָל אים קענען העלפֿן. זיי וואָלטן אים מאַכן פֿאַר אַ נאמן אין דער שטאָט. אָבער דער פּרעזידענט פֿון די שטאָט האָט עס ניט צוגעלאָזן, ווײַל דער ר׳ צדוק איז געווען אַ גרויסער בעל־חובֿ, און די געזעצע איז, אַז מען זאָל ניט אָנטרויען קהלס געלט אַזוי אַ מענטשן, ווער עס האָט שוין אַ מאָל באַנקראָטירט.

6 **ויהי כאשר קצרה נפשם בעמל האיש ההוא.** און עס וואָר, אַז די גרויסע לײַט פֿון שטאָט האָבן ניט געקענט מער דערטראָגן דעם צער פֿון דיזעם געפֿאַלענעם עושר, דען וואָס אַ טאָג איז ער געוואָרן אָרעמער און אָרעמער.

7 **וַיִּוָּעֲצוּ יחדיו.** איז בײַ זיי געבליבן, אַז מען זאָל מאַכן אַ כּתבֿ און אַלע גרויסע לײַט און דער רבֿ זאָלן זיך אונטערחתמענען, אַז דער ר׳ צדוק איז אַן אָדם חשובֿ און אַ ירא־אלוהים באמת. בכן זאָל מען זען אים אונטערצוהעלפֿן בכל עיר ועיר. דעם כּתבֿ זאָל מען געבן דעם ר׳ צדוק און ער זאָל מיט אים אַרומפֿאָרן אין דער וועלט. דען זיי האָבן קלאָר געוווּסט, אַז אַזוי אַ כּתבֿ, וואָס עס וועלן זײַן אויף אים געחתמעט די גרויסע לײַט פֿון ניקעלסבורג און דער רבֿ, וועט אין דער וועלט זייער וויכטיק זײַן און ער וועט בוודאי מאַכן אַ סך געלט.

8 **ויעשו כאשר יעצו.** און זיי האָבן אַזוי געטאָן ווי זיי האָבן זיך מייעץ געווען. זיי האָבן אָפּגעשריבן דעם כּתבֿ און האָבן זיך אונטערגעשריבן. עס האָט מער ניט געפֿעלט נאָר דעם רבֿס חתימה און ווײַטער ניט.

9 **בימים ההם.** אין דיזע צײַטן איז געווען אַ רבֿ אין ניקעלסבורג דער גרויסער ר׳ שמעלקע. דיזער מאַן וואַר אַ גרויסער למדן, וואָס האָט ניט געהאַט זײַן גלײַכן אין זײַן דור. און ווי זײַנע לומדות איז געווען גרויס, אַזוי איז געווען גרויס אויך זײַנע חסידות און זײַן חכמה אין וועלטזאַכן. און זײַן עצה און זײַן וואָרט איז געווען זייער טײַער און וויכטיק, אַזוי בײַ יידן און אַזוי בײַ קריסטן. און ער וואַר געאַכטעט אין דער וועלט ווי אַ געטלעבער מאַן. צײַט זײַן לעבן האָט ער ניט געגעבן קיין הסכּמה אויף אַ ספֿר און קיין מאָל האָט ער ניט געגעבן אַ כּתבֿ אַ געפֿאַלענעם מענטשן, וואָס פֿאַרט אַרום אין דער וועלט צו קלײַבן נדבֿות, ווי פֿאַר צײַטן פֿלעגט זײַן די מאָדע בײַ אונדז יידן.

10 **ולכן לא אבה לחתום.** און דאַהער האָט דער ר׳ שמעלקע ניט געוואָלט זיך חתמענען אויך אויף דיזן כּתבֿ. האָט עס די שטאָטלײַט זייער פֿאַרדראָסן אויף אים און האָבן אים געזאָגט: ׳רבי, איר קענט דיזן מענטשן ניט גלײַבן מיט אַנדערע שלעפּערס. איר קענט דאָך אים, אַז ער איז אַן איש־ישר ויראַ־אלהים. אונדזער שטאָט האָט פֿון אים זייער פֿיל מקבל טובֿה געווען. און ווײַל מיר ווייסן ווי פֿיל אײַער חתימה וועט אים אין דער וועלט העלפֿן, זענט איר מחויבֿ מעבֿיר צו זײַן אויף אײַער מידה און מוזט זיך אונטערחתמענען אויף דעם כּתבֿ׳.

11 **ולא אבה הרב.** און דער רבֿ האָט דאָך ניט געוואָלט זיך חתמענען ביז וואַנען עס איז צו אים געקומען דער ר׳ צדוק אַליין און זײַן ווײַב און האָבן פֿאַר אים ביטערלעך געוויינט, און האָבן אים געבעטן רחמים, אַז ער זאָל זיך איבער זיי מרחם זײַן און אויף זייערע קליינע קינדער און זאָל אונטערשרײַבן דעם כּתבֿ.

12 **ויהמו מעיו עליהם.** און ער האָט זיך איבער זיי דערבאַרעמט. ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן, אַז דער ר׳ צדוק און זײַן ווײַב זאָלן פֿאַר אים שטיין און וויינען. ער האָט דעם כּתבֿ אונטערגעשריבן און האָט זיי אויך געזאָגט: ׳הערט, מײַן טײַערער ר׳ צדוק, איך טו אײַך דערמיט גאָר קיין טובֿה. עס איז אַפֿילו אמת, אַז איר וועט מאַכן אַ פֿולע געלט. אָבער נאָך האָב איך ניט געזען וועלכער עס האָט דעם בעטלברויט פֿאַרזוכט, אַז ער זאָל זיך דערפֿון קענען אָפּרײַסן. איך האָב געלעזן, אַז מען וויל מײַז פֿאַרטרײַבן פֿון אַ שטוב, זאָל מען כאַפּן עטלעבע מײַז און מען זאָל [זיי] אײַנשפּאַרן אין אַן אײַזערנע קלעטקע, און מען זאָל זיי אַזוי לאַנג [לאָזן] הונגערן, ביז איינע עסט אויף די אַנדערע. און דערנאָך, אַז מען לאָזט אַוועק די לעצטע, עסט זי קיין אַנדער זאַך, נאָר ווי מײַז. דאָס זעלבע איז מיט דעם מענטש, וועלכער נאָר איין מאָל דאָס בעטלברויט פֿאַרזוכט האָט – ער וועט שוין ניט זוכן קיין אַנדערע פּרנסה. עס וועט אים ניט שמעקן קיין געשעפֿט אין דער וועלט, נאָר בעטלען. מײַן עצה וואָלט געווען בעסער די שלעכטע צײַט איבערצווואַרטן. מיט דער צײַט ענדערט זיך אַלץ׳. אָבער וואָס העלפֿט עס? דער ר׳ צדוק האָט דעם כּתבֿ צוגענומען און האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דעם רבֿ, און איז אין אַ פּאָר טעג [אַרום] אַוועקגעפֿאָרן.

13 **ובכל המקומות אשר עבר.** און אין אַלע ערטער ווו ער איז נאָר געפֿאָרן און האָט געוויזן דעם כּתבֿ פֿון ר׳ שמעלקען האָט ער מאסף ממון געווען און האָט אײַנגענומען גרויס כּבֿוד. דען די וועלט האָט נאָך ניט זוכה געווען פֿון ר׳ שמעלקען אַ צורת־אות. מען האָט דעם ר׳ צדוק פֿאַרגעטערט. מען האָט אים אום און אום אײַנגעלאַדן און מען האָט געגעבן נדבֿות צו דרײַסיק און פֿערציק טאָלער. עס האָט ניט געדויערט איין יאָר און ער האָט שוין צוזאַמענגעקליבן אַן ערך פֿון צוויי טויזנט טאָלער [און] האָט געהאַט שוין בדעה זיך אומצוקערן אַהיים. נאָר ווײַל ער איז געווען פֿון ניקעלסבורג ווײַט שוין אַן ערך פֿון הונדערט און פֿופֿציק מײַלן, איז בײַ אים געבליבן, אַז ער זאָל מאַכן זײַן צוריקוועגס דורך אַנדערע מקומות, כּדי ער זאָל קענען צוריקפֿאָרנדיק גאָר פֿון דאָס נײַ(ע) געלט מאַכן. און ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן. ער האָט צוריקפֿאָרנדיק געמאַכט גענוי אַזוי פֿיל געלט ווי אַהערפֿאָרנדיק, און האָט בײַ זיך געדענקט, אַז ער וועט

קומען אַהיים וועט ער מאַכן אַ גוטן געשעפֿט און וועט אם־ירצה־השם דעם רבֿ ווײַזן, אַז עס קען ווערן אַ סוחר אויך פֿון אַ מענטש וואָס האָט שוין געבעטלט.

14 **ויהי בהיותו בדרך.** און עס וואַר אַז ער איז געוועזן אין וועג אַן ערך פֿון פֿופֿציק מײַלן פֿון דער היים, האָט ער זיך אָנגעטראָפֿן אין אַ קרעטשמע מיט אַ בעל־דרשער. דיזער מאַן וואַר פֿיל קליגער ווי פֿרימער. ער האָט שוין פֿון דעם ר׳ צדוק און זײַן כּתבֿ געהערט און האָט אים זייער מקנא געווען. נאָר יעצט, ווי ער האָט זיך דאָ מיט אים פֿונאַנדערגערעדט און דער ר׳ צדוק האָט אים דערציילט, אַז ער פֿאָרט צוריק אַהיים מיט אַ סך געלט, האָט צו אים געזאָגט דער בעל־דרשער: ׳אַז עס איז יאָ אַזוי, פֿאַרקויפֿט מיר דעם כּתבֿ, איך גיב אײַך פֿאַר אים הונדערט דוקאַטן און פֿאָרט אײַך לשלום אַהיים. וואָס אַרט אײַך? איך וועל מיר פֿאָרן מיט דעם כּתבֿ אין אַנדערע לענדער און וועל עפּעס פֿאַר זיך אויך פֿאַרזאָרגן. איר מעגט זיכער זײַן, אַז קיינער וועט פֿון דעם האַנדל ניט וויסן. און פֿאַר דעם רבֿ זאָלט איר זאָגן, אַז איר האָט דעם כּתבֿ פֿאַרלוירן, אָדער ער איז נאָך בײַ אײַך׳.

15 **ויטבו דברי הדרשן.** און עס זענען געפֿאַלן די רייד פֿון דעם דרשן דעם ר׳ צדוק און ער האָט אים פֿאַרקויפֿט דעם כּתבֿ פֿאַר פֿיר הונדערט טאָלער, און דער בעל־דרשער האָט נאָך דערצו געמאַכט אַ שאַרפֿע סעודה. זיי האָבן געגעסן און האָבן געטרונקען און זענען ביידע פֿריילעך געווען. און אויף מאָרגן זענען זיי זיך פֿונאַנדערגעפֿאָרן. דער ר׳ צדוק איז געפֿאָרן אַהיים און דער בעל־דרשער האָט פֿאַררײַזט קיין אַמסטערדאַם מיט דעם כּתבֿ און האָט דאָרטן געמאַכט גאָר די געלט. און פֿון דאָרטן איז ער אַוועק קיין לאָנדאָן און פֿון לאָנדאָן איז ער געפֿאָרן קיין פֿראַנקרײַך. און ווו ער איז נאָר געקומען האָט ער מאסף געווען צען מאָל מער ווי דער ר׳ צדוק, דען ער איז געווען אַ בעטלער פֿון זײַן יוגנט אָן און ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם קונץ ווי זיך בײַ יעדערן געפֿעליק צו מאַכן, אַ מאָל מיט חניפֿה און אַ מאָל מיט אַ יראת־שמים־פּנימל. ובפֿרט אַצינד, ווי ער האָט דאָ געהאַט דעם כּתבֿ פֿון דעם רבֿ ר׳ שמעלקע. אויך איז ער געווען זייער אַ שיינער דרשן און אַ גוטער מוכיח. ער האָט זיך באַרימט, אַז דער חסיד ר׳ שמעלקע האָט אים געשיקט די וועלט אַ ביסל פֿרימער צו מאַכן. אום און אום, ווו ער איז נאָר געקומען, האָט ער זיך געלאָזט רופֿן ר׳ צדוק דער מוכיח פֿון ניקעלסבורג. און האָט אין אַ צײַט פֿון אַ יאָר צוויי צוזאַמענגעמאַכט אַ טאָלער פֿינף טויזנט, אָבער ער האָט ניט זוכה געווען, אַז ער זאָל פֿון זיי אַ הנאה האָבן. דען ווי ער איז געקומען אין אַ קליין שטעטל אין פֿראַנקרײַך, וואָס מען רופֿט זי נאָמור, איז ער דאָרטן פּלוצלינג זייער קראַנק געוואָרן און איז אין דעם זעלבן טאָג געשטאָרבן אָן ווידוי, דען ער האָט זיך גאָר ניט געריכט דערויף. די ביסל ייִדן, וואָס האָבן דאָרטן געוווינט, האָבן זיך אַרום אים מתעסק געווען ווי עס איז דער מנהג־ ישׂראל. דער רבֿ פֿון דעם שטעטל האָט אים מספּיד געווען, און נאָך דער קבֿורה האָט דער רבֿ מיט דעם פּרעזידענט פֿון דעם מקום איבערגעזוכט וואָס עס איז פֿון אים געבליבן. [ווען] זיי האָבן איבערגעזוכט זײַנע כּתבֿים, האָבן זיי

געפֿונען דעם כּתבֿ פֿון ניקעלסבורגער רבֿ. האָבן זיי פֿון אים געזען, אַז מען רופֿט אים ר׳ צדוק ב״ר אַבֿרהם פֿון ניקעלסבורג.

16 **וימהרו ויכתבו.** און זיי אײַלן און שרײַבן צו דעם ר׳ שמעלקען און האָבן אים אויך אָפּגעשיקט דעם כּתבֿ. זיי האָבן מודיע געווען, אַז דער ר׳ צדוק איז בײַ זיי געשטאָרבן און האָט געלאָזן אַ קאַפּיטאַל פֿון אַ טאָלער פֿינעף טויזנט, חוץ קליידער און אַ גוטן זייגער. בכן, זאָלן קומען זײַנע יורשים און זאָלן עס אָפּנעמען.

17 **ויהי כבוא המכתב אל עיר ניקלסבורג.** און עס וואָר אַלס דער בריוו איז געקומען קיין ניקעלסבורג צו דעם רבֿ, האָט ער געשיקט נאָך דעם ר׳ צדוקס ווײַב און האָט איר אָנגעזאָגט, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן אין דעם שטעטל נאָמור, וואָס אין פֿראַנקרײַך, און האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן קאַפּיטאַל. בכן זאָל זי גאָר קיין שהיות מאַכן און זאָל אַהין פֿאָרן מיט איר איינציקן זון, אַ בחור פֿון זעכצן יאָר, אָפּצונעמען די ירושה.

18 **ויתן לה מכתב.** אויך האָט ער איר געגעבן אַ בריוו, אויף וועלכן עס האָבן זיך געחתמעט די גרויסע לײַט פֿון ניקעלסבורג און ער אַליין אויך, אַז זי איז די אַלמנה פֿון דעם ר׳ צדוק און דער בחור איז דער זון, און מען זאָל זיי אָפּגעבן די ירושה. און דעם ר׳ צדוקס ווײַב איז געקומען קיין נאָמור און האָט אָפּגענומען די ירושה אין גאַנצן און האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין ניקעלסבורג און האָט אָנגעהויבן צו פֿירן איר אַלטע געשעפֿט מיט גרויס הצלחה. האָט אָנגעטאָן קלאָג און האָט געטרויערט נאָך אירן מאַן אַ גאַנץ יאָר, דען זי האָט אים זייער ליב געהאַט.

נון וועלן מיר לאָזן דאָ די אַלמנה בײַ אירע געשעפֿטן און מיר וועלן דערציילן וואָס עס איז געוואָרן מיט דעם ר׳ צדוק אַליין.

19 **אונדזער ר׳ צדוק,** ווי ער איז אָפּגעפֿאָרן פֿון דער קרעטשמע, ווו ער האָט געזעבטיקט מיט דעם בעל־דרשער, וואָס ער האָט אים פֿאַרקויפֿט דעם כּתבֿ, אַ מײַל צען, זענען אים איבערגעפֿאַלן גזלנים און האָבן בײַ אים אַוועקגענומען אַלץ וואָס ער האָט נאָר בײַ זיך געהאַט. ער איז פֿון זיי נמלט געוואָרן קוים אַ לעבעדיקער. ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ שטיין אויף דעם גאַסטינעץ. ביז עס זענען אָנגעפֿאָרן מענטשן, האָבן זיי אים מיטגענומען אין אַ קליין שטעטל. איז ער דאָרטן געזעסן עטלעכע טעג, ביז ער האָט צוזאַמענגעבעטלט אַ פּאָר טאָלער און האָט זיך אַוועקגעשלעפּט ווײַטער צו פֿוס. אָבער ניט קיין ניקעלסבורג, דען ער האָט זיך געשעמט צו קומען אַהיים אָן אַ גראָשן געלט און אָן דעם כּתבֿ. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז גאָט האָט עס אים געשטראָפֿט פֿאַר דעם, וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט דעם כּתבֿ. ער האָט געטון דערויף חרטה געהאַט, אָבער עס איז שוין [געווען] צו שפּעט. ער האָט זיך אַוועקגעשלעפּט קיין ליטע און פּוילן און האָט זיך געוואַלגערט איבער פֿרעמדע טישן איייניקע יאָר און האָט זיך צוגעלאָזן אַ ביסל צום טרונק און האָט זיך גאָר אין גאַנצן פֿאַרגעסן אָן דער היים. בײַ אים איז שוין געווען אַ קרן אַ גוטע אָנבײַסן [און] אַ שנאַפּס. ער פֿלעגט

זיך שוין אײַנגעפֿינען אויף התונות און בריתן, און האָט זיך אויסגעלערנט צו בעטלען גלײַך ווי ער וואָלט אין דעם געבאָרן געוואָרן.

20 **ויהי מעיר לעיר.** און ער האָט זיך געשלעפּט פֿון שטאָט צו שטאָט, און האָט גאָר ניט געקוקט אויף קיין תּכלית. ביז וואַנען ער איז געקומען קיין ווילנע, די גרעסטע שטאָט פֿון ליטע, האָט ער זיך דערקענט מיט איינעם פֿון ניקעלסבורג, וואָס האָט דאָרטן געוווינט שוין אַ יאָר צען. און דיזער מאַן איז געווען זייער רײַך און פֿרום. ער האָט זיך זייער פֿאַרוווּנדערט איבער דיזן ר׳ צדוק, דען ער האָט אים געקאַנט אַז ער איז נאָך געווען אַן עושר און אַ מענטש מיט אַ שיינעם כאַראַקטער און איז געווען אַן ערלעכער סוחר. דער ר׳ צדוק איז אַציגד געקומען צו אים אין שטוב בעטן אַ נדבֿה, ווי דער שטייגער איז פֿון די שנאָרער. דער ניקעלסבורגער האָט אים געגעבן אַ גילדן און האָט אים אויך געבעטן זיצן און האָט אים געזאָגט: ׳מײַן בעסטער ייִד, מיר דאַכט זיך, אַז איר זענט ר׳ צדוק דער געוואַנט־קרעמער פֿון ניקעלסבורג׳. ׳אַזוי איז עס׳. - האָט אים אָפּגעענטפֿערט ר׳ צדוק - ׳איך בין אַ נשׂרף געוואָרן, דער גויט קען דעם מענטשן צו אַלץ ברענגען׳. דער ניקעלסבורגער האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן דאָס הערנדיק און האָט אַזוי געזאָגט:׳עס וווּנדערט מיר זייער אויף מײַן געבורטסשטאָט, אַז זי זאָל פֿאַרלאָזן אַזוי אַ מענטש ווי איר זענט. געוויס מיר קרענקט עס זייער און זייער. איר זאָלט שוין פֿון מײַן שטוב ניט אַרויסגיין, איך וועל אײַך שיין באַקליידן און וועל אײַך געבן פֿופֿציק טאָלער אויף דער הוצאה אויף אייניקע רעקאָמענדאַציאָנען, און איר זאָלט פֿאָרן אַהיים. איר זעט דאָך שוין, אַז מיט בעטלברויט קומט מען די וועלט ניט דורך און דאָס איז קיין תּכלית ניט פֿאַר אײַך׳. דער ניקעלסבורגער האָט אים בײַ זיך געהאַלטן אַ פּאָר וואָכן. ער האָט אים באַקליידט און דערנאָך האָט ער אים אָפּגעשיקט גלײַך קיין ניקעלסבורג מיט זײַנעם אַ משולח, וואָס ער פֿלעגט צושיקן אַלע יאָרן קיין לײַפּציג.

21 **ויסע ר׳ צדוק לביתו.** און דער ר׳ צדוק איז שוין איבער נײַס געפֿאָרן אַהיים און איז געקומען בשלום אום ראש־חודש ניסן קיין ניקעלסבורג. ער איז אָבער ניט גלײַך פֿאַרפֿאָרן צו זײַן ווײַב. ער האָט אַפֿילו נאָך ניט געפֿרעגט וואָס זי מאַכט, דען אין דעם זעלביקן טאָג און אין דער זעלבן שטונדע, וואָס ער איז געקומען אין שטאָט, האָט ער דערהערט, אַז עס איז אַ ברית בײַ אַ גרויסן נגיד, וואָס מען האָט אים גערופֿן ר׳ לוי הורוויץ. האָט ער בײַ זיך געטראַכט, איידער וואָס עס וועט זײַן - דערווײַל לאָם איך האָבן אַ גוטן אָנבײַסן. איז ער זיך אָוועקגעגאַנגען אויף דעם ברית. עס איז שוין געווען פֿאַר נאַכט און קיינער האָט אים ניט דערקענט און [ער] האָט זיך אַרײַנגעזעצט צווישן אַלע פֿרעמדע אָרעמע־לײַט און האָט מיטגעשפּײַזט מיט דעם גרעסטן אַפּעטיט ווי אַ בעטלער קאָן נאָר האָבן. נון וועלן מיר דערציילן וואָס עס איז געוואָרן מיט זײַן ווײַב און אים וועלן מיר דאָ לאָזן אויף איין ווײַלע זיצן.

22 **בימים ההם.** אין דיזע צײַטן איז געוואָרן אַן אַלמן איינער פֿון די ניקעלסבורגער גבֿירים. דאָס איז דער ר׳ לוי הורוויץ. ער איז אויך געווען אַ

געוואַנט־העגדלער און האָט נאָך געהאַט לבד זה זייער פֿיל געשעפֿטן. און דאַהער, אַז עס איז בײַ אים די ווײַב געשטאָרבן, האָט מען אָנגעהויבן אים צו שדכנען די ווײַב פֿון ר׳ צדוק. ער האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג רעדן, דען זי איז אים געווען זייער געפֿעלן. זי איז געווען אַן אשת־חיל און שיין און אויך אַ מיוחסת און איז געווען איצונד אויך גוט אין שטאַנד און האָט געהאַלטן אין פּירונג. קורץ אום, ער האָט איר גענומען פֿאַר אַ ווײַב און האָט מיט איר פֿאַרלעבט אַ יאָר זייער גליקלעך, און אַצינד האָט זי אים געבאָרן אַ זון, אויף וועלכן ברית דער ר׳ צדוק זיצט דאָ און עסט. דער עולם וואַר דאָ זייער פֿריילעך. דען דער הורוויץ איז געווען ביז אַהער אַ חשוך־בנים. מען האָט דערלאַנגט צום טיש גענוג משקה, און דער רבֿ האָט דאָרטן געזאָגט פֿיל תּורה און דער חזן האָט געזונגען.

23 **ויהי אחר המזון.** און עס וואַר נאָך דעם ווי דער עולם האָט אָפּגעגעסן און האָט אָפּגעטרונקען, איז אַרויסגעגאַנגען די קימפּעטאָרין אַליין מיט אַ גרויסן זאַק קליינגעלט אום צו טיילן צדקה די אָרעמע־לײַט, וואָס זענען געזעסן אין פֿאָדערשטוב. עס איז שוין געווען רעכט נאַכט, עס האָבן געברענט זייער פֿיל ליכט. זי האָט יעדערן געגעבן נאָך זײַן ערך נאָך, ביז זי איז צוגעקומען צו דעם ר׳ צדוק, איר מאַן. ווי ער האָט איר דערזען, האָט ער אַראָפּגערוקט די היטל איבער דעם פּנים און האָט פֿאַרבראָכן די הענט. ער האָט זיך געשווינד אויפֿגעכאַפּט און האָט געוואָלט אַנטלויפֿן. אָבער דער משרת האָט אים צוגעהאַלטן. די ווײַב האָט געמיינט, אַז זי האָט אים באַליידיקט מיט אַ קליינע נדבֿה; זי האָט אים געגעבן אַ גרעסערע. ער אָבער רײַסט זיך פֿאַרט, ביז דער משרת האָט אים אַראָפּגעכאַפּט די היטל. דאָ האָט זי אים שוין דערקענט. און ווײַל זי האָט געמיינט, אַז ער איז געשטאָרבן, האָט זי געגלייבט אַז ער איז געקומען פֿון יענער וועלט. זי איז געבליבן אין חלשות און עס איז געוואָרן אַ גרויסער ליאַרעם און אַ גרויסע מישענינע. מען האָט דעם ר׳ צדוק אָנגענומען, און ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט דעם כּתבֿ פֿאַרקויפֿט. מען האָט די פֿרוי קוים אָפּגעמינטערט, אָבער זי האָט ניט לאַנג געלעבט נאָך דער מעשׂה פֿון שרעק און ביוש. און דעם ר׳ צדוק האָט מען מגרש געווען פֿון שטאָט. און דער רבֿ האָט געשטראָפֿט די נכבדים פֿאַר וואָס זיי האָבן אים מעבֿיר געווען על דעתּו און האָט געהייסן די זאַך פֿאַרשרײַבן אין פנקס פֿון ניקעלסבורג.

ענדע